דבר מלכות לנוער

# "טוט אַלץ וואָס איר קענט"

לויט 'דבר מלכות' פון כ"ח ניסן ה'תנש"א

**בעמדנו ביום זכאי (בכלל, ובפרט בנוגע להענין הכי עיקרי דגאולה האמיתית והשלימה . . יש לעורר ולהזכיר ולהדגיש עוד הפעם על דבר גמר ושלימות מעשינו ועבודתינו להבאת הגאולה האמיתית והשלימה, כדלקמן.**

(שטייענדיק אין אַ יום זכאי (בכלל, און בפרט) בנוגע צו דעם ענין הכי עיקרי פון גאולה האמיתית והשלימה . . דאַרף מען נאָך אַמאָל מעורר זיין און דערמאָנען און מדגיש זיין וועגן גמר ושלימות מעשינו ועבודתינו אויף צו אַראָפּ ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, כדלקמן).

דער טאָג – כ"ח ניסן תנש"א – איז אַ יום זכאי, אַ טאָג מיט ספּעציעלע זכיות אין אַלע ענינים. און זעלבספאַרשטענדלעך מערסט וויכטיג, דאָס איז אַ טאָג מיט ספּעציעלע זכיות אַז ס'זאָל קומען די גאולה האמיתית והשלימה.

דער רבי מלך המשיח שליט"א זאָגט אַז אין דעם ספּעציעלן טאָג דאַרף מען זיך דערוועקן און זיך דערמאָנען אין אונזערע אויפגאַבע צו אַראָפּ ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה. ווי ער וועט אויסרעכענען ווייטער אין שיחה.

### אַ ספּעציעלער צייט

די יאָר – תנש"א – איז שייך ספּעציעל צו די גאולה. אירע ראשי תיבות זיינען "הי' תהא שנת נפלאות ארא**נו**" אָדער "הי' תהא שנת ארא**נו** נפלאות".

נפלאות זיינען גאָר גרויסע ניסים. און אויף אַזוי פיל אַז געוויינטלעך קענען זיי נישט זען, זיי פאַסירן ניט ווייסנדיק אויף זיי. דער אויבערשטער פאַרמיידט פון אונז אומגליקן נאָך פאַר דעם ווי זיי זיינען אָנגעהויבן, און מיר ווייסן אפילו ניט וואָס וואָלט געקענט אונז טרעפן.

אָבער די יאָר איז אַ ספּעציעלע יאָר, "**ארא**נו נפלאות". דער אויבערשטער טוט גרויסע וואונדערס, און ער אַליין שטערנגט זיך אָן צו באַווייזן אונז די נפלאות אַז מיר זאָלן זיי קענען, ווי עס איז געווען אין 'מלחמת–המפרץ' (די מלחמה וואָס איז פאָרגעקומען יענע יאָר). די נפלאות פון היי יאָר זיינען ספּעציעל גרויס, אויך צוליב דעם וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט די גאולה שלימה אויף וועלכע עס שטייט "כימי צאתך מארץ מצריים אראנו נפלאות".

אויך דער חודש איז אַ גאולה'דיקער חודש, "בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל". דאָס איז דער חודש אין וועלכע ס'איז געווען יציאת מצרים, און ער האָט אַ ספּעציעלער פאַרבונד מיט די גאולה העתידה.

און איצט זיינען מיר אָנגעקומען צום טאָג כ"ח ניסן. כ"ח פון לשון כוח (קראַפט), אין דעם טאָג איז פאַראַן אַ ספּעציעלער כוח צו אַראָפּ ברענגען די גאולה בפועל ממש.

### תמיהה הכי גדולה!

און דאָ וועדט צו אונז דער רבי מלך המשיח שליט"א מיט אַ פראַגע און מאָנונג:

**מתעוררת תמיהה הכי גדולה: היתכן שמבלי הבט על כל הענינים – עדיין לא**

**פעלו ביאת משיח צדקנו בפועל ממש?!... דבר שאינו מובן כלל וכלל!**

(דעקוועקט זיך אַ שטורעמ'דיקער וואונדער: ווי קען זײַן אַז ניט קוקנדיק אויף די אַלע ענינים – האָט מען נאָך נישט געפּועל'ט ביאת משיח צדקנו בפועל ממש?!... אַ זאַך וואָס איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק!)

אַזאַ ספּעציעלע יאָר, אַזאַ ספּעציעלער חודש, אַזאַ ספּעציעלער טאָג, ווי האָבן מיר אים נאָך ניט געבראַכט?

דער רבי מלך המשיח שליט"א זעצט פאָר:

**ותמיהה נוספת – שמתאספים עשרה וכמה וכמה עשיריות מישראל ביחד, ובזמן זכאי בנוגע להגאולה, ואף על פי כן, אינם מרעישים לפעול ביאת המשיח תיכף ומיד, ולא מופרך אצלם, רחמנא ליצלן, שמשיח לא יבוא בלילה זה, וגם מחר לא יבוא משיח צדקנו, וגם מחרתיים לא יבוא משיח צדקנו, רחמנא ליצלן!!**

(און נאָך אַ וואונדער – אַז עס קומען צען און אַפאָר צענדליקע אידן צוזאַמען, און אין אַ ספּעציעלער צײַט בנוגע צו דער גאולה, און פונדעסטוועגן, שטורעמען זיי נישט צו פועל זײַן משיח'נס קומען תיכף ומיד, און ס'איז נישט אָפּגעפרעגט בײַ זיי, רחמנא ליצלן, אַז משיח וועט ניט קומען אין דער נאַכט, און אויך מאָרגן וועט נישט קומען משיח צדקנו, און אויך איבער מאָרגן וועט נישט קומען משיח צדקנו, רחמנא ליצלן!!)

ווי קען זײַן אַז עס זײַנען געקומען אין '770 – בית משיח' צענדליקע אידן, און קיינער שרײַט ניט און שטורעמ'ט נישט עס זאָל קומען משיח? אַלע פּלאַנירן צו אויפשטיין מאָרגן אויף אַ נייער טאָג און פאָרזעצן ווי געוויינלעך, און טראַכטן נישט אויף דעם וואָס משיח דאַרף קומען אין יעדער סקונדע!

**גם כשצועקים "עד מתי" – הרי זה מפני הציווי כו', ואילו היו מתכוונים ומבקשים וצועקים באמת, בודאי ובודאי שמשיח כבר הי' בא!!**

(אויך ווען מ'שרײַט "עד מתי" – איז דאָס צוליב דעם אָנזאָג, און אויב מ'וואָלט געמיינט און מ'וואָלט געבעטן און מ'וואָלט געשריען מיט אַן אמת, איז אַ ודאי און אַ ודאי אַז משיח וואָלט שוין געקומען!!)

מיר שרייען "עד מתי" נאָר ווײַל דער רבי זאָגט אָן, און נישט ווײַל אונז גייט דאָס אָן. אויב מ'וואָלט געשריען מיט אַן אמת מ'וואָלט געמיינט מיט אַן אמת, איז אַ זיכערע זאַך אַז משיח וואָלט שוין לאַנג געקומען.

**מה עוד יכולני לעשות כדי שכל בנ"י ירעישו ויצעקו** באמת **ויפעלו להביא את המשיח בפועל, לאחרי שכל מה שנעשה עד עתה, לא הועיל, והראי', שנמצאים עדיין בגלות ועוד ועיקר – בגלות פנימי בעניני עבודת השם.**

(וואָס קען איך נאָך טאָן כדי אַז אַלע אידן זאָלן שטורעמ'ען און שרײַען מיט אַן אמת און פועל'ן צו אַראָפּ ברענגען משיח'ן בפועל, נאָך דעם ווי אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן ביז איצטער, האָט נישט געהאָלפן, והראי', אַז מ'געפינט זיך נאָך אין גלות ועוד ועיקר – אין אַ גלות פנימי אין עניני עבודת השם).

**אורות און כלים**

**הדבר היחידי שיכולני לעשות – למסור הענין אליכם: עשו כל אשר ביכלתכם – ענינים שהם באופן דאורות דתוהו, אבל, בכלים דתיקון – להביא בפועל את משיח צדקנו תיכף ומיד ממש!**

(דער איינציקער זאַך וואָס איך קען טאָן – צו איבערגעבן דעם ענין צו אײַך: טוט אַלץ וואָס איר קענט – ענינים וואָס זײַנען אין אַן אופן פון אורות דתוהו, אָבער, אין כלים דתיקון – צו אַראָפּ ברענגען בפועל משיח צדקנו תיכף ומיד ממש!)

**אורות דתוהו** – דאָס איז אַ באַצייכנונג אין חסידות צו די עקסטע זאַכן, וואָס ס'איז שווער פאַר אונז צו פאַרשטיין און אָננעמען זיי. צום בייַשפּיל, זאָגן יעדער מאָרגן פון־דאָס־ניי אַז מיר גלויבן באמונה שלימה אַז אין דעם טאָג קומט משיח, דאָס געוויס קען אויסזען ווי אַ משוגע'ס. דאָס איז אַן אמונה וואָס איז אינגאַנצן העכער פון שכל.

**כלים דתיקון** – אונזער וועלט רופט זיך 'עולם התיקון'. מיט די כלים דתיקון דער וועלט קען דערנעמען און פאַרשטיין זאַכן לויט זיין פאַרשטאַנד. אַז מ'רעדט מיט מענטשן לויט זייער שכל, מ'דערציילט זיי און מ'דערקלערט זיי אויף וויפל זיי קענען פאַרשטיין, דאָס ווערט אָנגערופן כלים דתיקון.

דער רבי מלך המשיח שליט"א פאַרלאַנגט פון אונז אַלץ וואָס מיר קענען, נישט שרעקן זיך און זיך האַנדלען אויך מיט זאַכן וואָס ס'איז שווער אָנצונעמען זיי – אָבער טאָן דאָס אין אַ פּאַסיקע און אַ באַקוועמע וועג אַזוי אַז דער וועלט זאָל קענען דאָס אויפנעמען. אורות דתוהו אין כלים דתיקון.

## עס פאָדערן זיך 'עקשנים'

**ויהי רצון שסוף כל סוף ימצאו עשרה מישראל ש"יתעקשו" שהם מוכרחים לפעול אצל הקדוש ברוך הוא . . להביא בפועל את הגאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש.**

(און ויהי רצון אַז סוף כל סוף וועלן זיך געפינען צען אידן וואָס וועלן זין "אײַנ'עקשנ'ען" אַז זיי מוזן אויספירן באַ דעם אויבערשטן . . צו אַראָפּבערנגען בפועל די גאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש).

אידן זיינען דאָך אַ פאָלק פון עקשנים (אײַנגעשפּאַרטערע), ווי עס שטייט "עם קשה עורף". און מ'דאַרף דאָס אויסנוצן אויף קדושה, זיך אײַנשפּאַרן צו אַראָפּבּעגנען משיח'ן.

אַן עקשן איז אַזאַ אײנער וואָס ווערט פון קיין זאַך נישט נתפעל און פאַרצווייפלט זיך קיינמאָל נישט. מ'קען עם נישט אײַנרעדן, מ'קען זיך מיט עם ניט דינגען, און קיין זאַך וועט עם נישט אָפּרוקן. עס גייט עם נישט אָן וואָס וועט מען זאָגן אויף אים און וואָס וועט מען טראַכטן אויף אים. ער האָט אין קאָפּ נאָר איין זאַך אַ גאַנצער טאָג: ער וועט אַראָפּבּעגנען די גאולה, וואָס ס'זאָל ניט זיין.

**ויהי רצון שימצא מכם אחד, שניים, שלשה, שיטכסו עצה מה לעשות וכיצד לעשות, ועוד והוא העיקר – שיפעלו שתהיה הגאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש, תיכף ומיד ממש, מתוך שמחה וטוב לבב.**

(און ויהי רצון אַז ס'זאָלן זיך געפינען צווישן אײַך אײן, צוויי, דרײַ, וואָס זאָלן אַן עצה געבן וואָס מ'זאָל טאָן און ווי אַזוי מ'זאָל טאָן, ועוד והוא העיקר – אַז מ'זאָל אויספירן אַז ס'זאָל זיין די גאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש, תיכף ומיד ממש, מתוך שמחה וטוב לבב).

לזכות

**כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**

מהרה יתגלה ויגאלנו!

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק

**ווילסט איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?**

**אין ארה"ק - קינדער: (054) 795-5493, אין ארה"ק - מיידלאך: (054) 646-0770,**
**אין ארה"ב: (718) 290-4444**

עריכה: **בן מנחם** • הגהה רוחנית: **רבנים ואנשי חינוך** • הגהה לשונית: **ב. נחשון** • תורגם לאידיש ע"י **מנחם מענדל פעלדמאן** •
יו"ל במסגרת **מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'**